**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/17/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער FDA אויטאריזאציע פון ערשטע בוסטער דאזע פאר קינדער פון פינף ביז 11

"היינט האבן באקאנטע קינדער געזונטהייט עקספערטן און דאקטורים פון די עסן און דראג אדמיניסטראציע (Food and Drug Administration, FDA) אויטאריזירט די ערשטע קאוויד-19 בוסטער דאזע פאר פינף ביז 11 יעריגע קינדער. איך ווייס אז דאס איז באזונדערס גוטע נייעס פאר עלטערן און גאַרדיענס איבער גאנץ ניו יארק וועלכע האבן געדולדיג געווארט צו גיבן פאר זייערע קינדער די צוגעלייגטע שיכט פון שוץ וואס די בוסטער דאזע גיבט קעגן ערנסטע קראנקייט פון קאוויד-19. נאכפאלגנדיג די רעקאמענדאציע פון די צענטער פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention, CDC), וועט ניו יארק זיין גרייט צו אפפערן בוסטערס פאר די נארוואס-בארעכטיגטע טייל פון די באפעלקערונג.

"בוסטערס זענען ברייט דא צו באקומען, אומזיסט און זיכער. און ווען עס קומט צו באשיצן ניו יארקער פון קאוויד-19, זענען זיי פאר צו זיין אונזער בעסטע שוץ מיטל. אבער נאכאלץ, מיט בלויז עטוואס העכער האלב בארעכטיגטע ניו יארקער האבנדיג באקומען דעם בוסטער, דארפן מיר אז מער ניו יארקער ערוואקסענע און קינדער צוגלייך – זאלן אויסנוצן די לעבנס-ראטעווענדע מיטל.

"אלזא, וויל איך זאגן פאר עלטערן און גאַרדיענס די פאלגנדע: באקומענדיג די גאר גוטע נייעס, לאמיר זיין א גוטע ביישפיל פאר אונזערע קינדער. באקומט דעם בוסטער און דאן ברענגט אייערע קינדער צו באקומען דעם בוסטער ווי נאר זיי זענען בארעכטיגט דערפאר. עס איז נישטא קיין בעסערע צייט פון יעצט, אזוי אז אונזערע קינדער זאלן זיין באשיצט פון קאוויד-19 אזוי ווי זיי גייען אריין אין די זומער וואקאציע און זאמלען כוחות פאר די קומענדיגע סקול יאר.

"איף די סטעיט שטאפל וועלן מיר פארזעצן צו זיכער מאכן אז די כלים זענען דא צו באקומען פאר אלע ניו יארקער אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען זיך צו פאראויס רוקן זיכערערהייט אריבער די פאנדעמיע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418